בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פר' במדבר

שנה ב'




כל הזכיות שמורות

## סדר און רואיגקייט

### חלק א' - א מסודר'דיגע לעבן

#### א פערציג יעריגע אויסשטעל

**ויעשו בני ישראל ככל אשר צוה ה' את משה.** "און די אידישע קינדער האבן אלעס געטון וואס דער באשעפער האט באפוילן צו משה; זיי האבן געלאגערט מיט א סדר לויט די פענער, און אזוי האבן זיי געצויגן, יעדער מאן לויט זיין משפחה פון זיין טאטן'ס זייט" (במדבר ב: לד).

דער פסוק פון בלויז צוואנציג ווערטער ווערט שנעל אפגעזאגט דורך פיל מענטשן, פארפאסנדיג צו דערהערן אז עס ענטהאלט אייגנטליך איינע פון די טייערסטע סודות פאר א איד וואס וויל זיין אן עובד ה'. די ערשטע זאך וואס מיר דארפן באצייכענען איז אז די תורה טוט דא דערציילן נישט בלויז אויף אן איינצלנער פאל וואס האט פאסירט איין מאל און האט זיך מער נישט איבערגע'חזר'ט. וואס מיר האבן דא איז אן עדות פון הקדוש ברוך הוא אז א פאלק פון מיליאנען - מענער, פרויען און קינדער - האבן געוואנדערט און געלאגערט פאר פערציג יאר מיט פונקטליכקייט, לויט דעם קלארן אויסשטעל פון די דגלים, יעדער לויט זיין פאן.

#### דער באפעל ווי אזוי צו לאגערן

עס איז געווען א מערקווירדיגער אויסשטעל. אִישׁ עַל דִּגְלוֹ... יַחֲנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל - יעדער מענטש... דורך דעם פאן פון זיין לאגער, זאל ער רוען (שם. ב:ב). דאס פאלק איז געווען צעטיילט אין פיר טיילן און אין יעדן טייל איז דאס געצעלט פון יעדע משפחה געווען געשטעלט לויט זיין שבט און אפשטאם.

דער לאגער פון די אידן איז געווען זייער א גרויסער לאגער; עס איז געווען ריזיג גרויס. עס זענען געווען כאטש צוויי מיליאן מענטשן דארט, מן הסתם פיל מער ווי דאס. און געצעלטן? עס זענען געווען כאטש 600,000 געצעלטן אינעם לאגער! און עס זענען דארט נישט געווען קיין גאסן, נישט קיין טערריטאריע רעכטן. יעדער וואלט געקענט אויפשטעלן זיין געצעלט סיי ווי. אפשר שיינט די זון צו שטארק אויף זיין זייט. "איך וויל זיין דארט, וואו עס איז דא מער א שאטן." אדער אפשר איז באקוועמער ערגעץ אנדערש. צומאל וואלט א מענטש געוואלט זיין נעבן זיין טאטן אדער א פרוי נעבן איר מאמען. נישטא וואס צו מאכן. איש על דגלו - יעדער איז געבליבן דארט וואו זיי האבן געהערט.

כאטש עס זענען נישט געווען קיין צוימען אדער ווענט צו אפטיילן צווישן זיי, האט מען זיך נישט אויסגעמישט - קיינער האט נישט פארלאזט זיין אדער איר באשטימטע ארט צו באזוכן און זען וואס עס טוט זיך ערגעץ אנדערש. פאר פערציג יאר זענען די בני ישראל געווען צוגעשטעלט צו אט די וואונדערליכע שטרענגע ארדענונג און סדר - זיי און זייערע ווייבער און זייערע קינדער האבן געלעבט "יעדער לויט זיין פאן," אין אלע צייטן.

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

## א פאלק מיט סדר

דאס אז א פאלק זאל לעבן מיט אזא אייגנארטיגער סדר החיים, איז א געשעעניש וואס האט נישט זיינס גלייכן אין די היסטאריע - עס איז עפעס וואס שטייגט איבער יעדע פאנטאזיע. אלזא, פארשטייען מיר אז עס איז געלעגן אונטער דעם א גרויסן ציל; צו לעבן לויט'ן באפעל פון באשעפער מיט אזא סדר, איש על דגלו, האט זיכער געטראגן מיט זיך אן אייביגער לימוד פאר דאס אידישע פאלק.

די וואונדערליכע מציאות פון א גאנצע פאלק זאל לעבן על פי ה' אין א פערפעקטער דיסציפלין און סדר, איז געווען דער בעסטער אופן פון לערנען פאר א גאנצע פאלק זעלבסט קאנטראל; לעבנדיג פערציג יאר אין מדבר, האט דאס הייליג פאלק באקומען א געלעגנהייט זיך צו גרייטן צו זיין א תורה פאלק אויף אייביג, דורך זיך טרענירן מיט די גרויסע מעלה פון 'סדר'. און אפילו שפעטער ווען דער לאגער איז אויפגעלעזט געווארן און דאס אידישע פאלק האט זיך באזעצט אין זייערע נחלות און שטעט אין ארץ ישראל, האט די מידה פון זעלבסט-קאנטראל וואס זיי האבן קונה געווען אין מדבר, פארגעזעצט, פונקט ווי עס פירט זיך ווייטער אפילו היינט צווישן פרומע אידן.

## א גאנץ יאר סדר

ערליכע אידן פון היינט לעבן מיט ארדענונג - אלעס איז פארגעשריבן מיט א סדר. באלד ווי א איד וועקט זיך אויף אינדערפרי, זענען זיינע מעשים וואס ער טוט פארגעשריבן פון פאראויס. ווען ער טוט זיך אן, איז עס מיט א פארגעשריבענער סדר; צוערשט טוט ער אן זיין רעכטער שוך און דערנאך די לינקע, דאן פארבינדט ער די לינקע שוך און דערנאך די רעכטע. און אזוי לעבט ער א גאנצן טאג און נאכט. ער עסט נישט וואס ער וויל. ער טוט זיך נישט אן וואס עס לאזט זיך. ער זיצט נישט וואו עס פאלט אים איין און ער גייט נישט וואו עס גלוסט אים. ער מוז דאווענען אין געוויסע צייטן און אין געוויסע פלעצער און מיט א געוויסער לבוש. ווי אזוי ער עסט, וואו ער קוקט, אלעס איז מיט א סדר. אפילו זיינע פריוואטסטע קערפערליכע פונקציעס טוט ער מיט אן אויסגערעכנטקייט און לויט פארשריפטן. א פרומער איד'ס לעבן איז א לעבן פון זעלבסט קאנטראל, א לעבן פון א רעגולירטע ארדענונג.

דאס איז אייגנטליך איינע פון די געוואלדיגע פארדינסטן וואס מיר האבן פון די מצוות אין די תורה. אלעס איז א מצוה אין א אידיש לעבן. רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל, לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת; מיר זענען ארומגענומען מיט אזויפיל פארגעשריבענע אופנים פון אויפפירונג, און יעדע הלכה, יעדע מצוה, געבט פאר א איד אן אייביגער זכות, לעד ולנצח נצחים!

אבער אויסער דעם פאקט אז מיר פארדינען אומענדליכע זכותים דורך די פיל מצוות מיט וואס מיר זענען באפוילן געווארן, איז דא נאך א גרויסער פארדינסט דערפון, וואס דאס איז זעלבסט קאנטראל. דורך די תורה איז דאס לעבן פון א איד שטענדיג אונטער קאנטראל. יעדע מצוה וואס ער טוט דורכ'ן טאג איז פארגעשריבן מיט פונקטליכע פרטים; יעדע הלכה האט זיין אייגענער סארט סדר. אפילו קליינע אינגלעך! דער קליינער אינגל פרעגט זיין מאמע, "עס איז שוין זעקס שעה? איך מעג שוין עסן אייזקרעם?" דאס איז שוין א געוואלדיגער דערגרייכונג. ער וויל עס אריינלייגן אין זיין מויל אבער ער שטעלט זיך אפ. א קליין אידיש קינד, ווייסט שוין צו פרעגן די סארט שאלות: "איך מעג דאס עסן?" "איך מעג דארט גיין?" "איך מעג קוקן אויף יענץ?" ער שפאנט שוין אויפ'ן דרך פון א לעבן מיט סדר.

## דורכשווימען שטורמישע וואסערן

ווען אונזערע חכמים האבן באשטימט תקנות, זענען מיר פיל מאל אין די גמרא אז זיי האבן באשטימט געוויסע תקנות ווייל עס זאל זיין לא פלוג. דאס מיינט, אז פיל תקנות זענען באשטימט געווארן כדי נישט צו מאכן א חילוק צווישן איין פאל און אן אנדער פאל, כדי ס'זאל אלעמאל זיין אייניג, מסודר. לא פלוג איז א וויכטיגע סטראטעגיע אין תקנת חכמים און אייגנטליך, ווי תוספות (בבא קמא יא:) זאגט, טרעפט מען דער ענין אויך ביי דיני דאורייתא. ס'איז א יסוד אין די תורה, אז דאס תורה פאלק זאל לעבן מיט סדר אלע צייטן.

מענטשן וואס לעבן לויט א פארגעשריבענער סדר האבן א פרייליכערע סארט לעבן. רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל, ס'איז א זכות פאר אונז; ס'איז א גרויסע גליק צו ווערן דיקטירט מיט זעלבסט קאנטראל! עס זענען דא

מענטשן וואס ווערן איבערגעוועלטיגט פון יעדע כוואליע פון די לעבנס וואסערן. יעדע מאל עפעס פאסירט, ווערן זיי צערודערט און פארלירן זייער גלייכגעוויכט. אבער די וואס פאלגן נאך די מצוות פון די תורה ווערן נישט צעשטורעמט דורך די נסיונות פון לעבן ווייל זיי לעבן מסודר׳דיגע לעבנס און דערפאר איז זייער מח רואיג און קלאר.

## די וויכטיגסטע זאך אויף צו קענען דינען השי״ת

און דאס איז וואס דער חובת הלבבות זאגט אין אנהייב פון שער הבטחון. ער שרייבט דארט אזוי: מה שהוא צריך יותר מכל הדברים לעובד האלקים יתברך - וואס איז די וויכטיגסטע פאדערונג פון א מענטש כדי צו קענען זיין אן עובד ה׳? והוא: הבטחון עליו בכל דבריו - דאס איז, צו האבן צוטרוי אין באשעפער אין אלע זיינע זאכן. און ווייטער זאגט דער חובת הלבבות, אויב האסטו נישט קיין בטחון, דיין קאפ איז שטענדיג פול מיט זארגן און חששות, דאן זאלסטו וויסן אז דאס ארבעט פשוט נישט - דו וועסט נישט קענען פאראויסגיין אין דיין וועג פון עבודת ה׳.

פארוואס איז דאס אזוי? ווייל ווען עס קומט צו בויען אונזער קשר מיט הקדוש ברוך הוא, דער געצייג וואס מיר וועלן דאס מערסטע דארפן איז אונזער דעת. דעת מיינט חכמה; עס רעכנט אריין באוואוסטזיניגקייט, קלארקייט אין מחשבה און פארשטאנד. ס׳איז א פסיכאלאגישער פעאיגקייט - די מעגליכקייט צו פארשטיין און טראכטן ריכטיג. מיט דעת, דאס איז איינציגסטע וועג וואס מיר קענען מצליח זיין אין דינען דעם באשעפער.

מיר לערנען אצינד אז אונזער ערשטער תפקיד אלס אידן, איז צו נאכמאכן אונזערע אור-עלטערן אין מדבר, און שטרעבן צו זיין מסודר און מיט א קלארן קאפ. און דאס איז נישט בלויז ווייל דער באשעפער וויל מיר זאלן פירן פרייליכע און רואיגע לעבנס - דאס אויך אודאי - אבער נאכמער, איז דערפאר ווייל א קלארע קאפ, א קאפ וואס איזליידיג פון אנגעצויגנקייט און זארגן, איז די איינציגסטע סארט קאפ וואס איז גרייט צו דינען דעם באשעפער.

## א מנין פון ראבאטן

עס איז זייער וויכטיג צו פארשטיין אז מיר דינען נישט דעם באשעפער בלויז דורך אונזערע מעשים. אודאי, מיר טוען מעשים; מיר זענען פארנומען א גאנצן טאג צו דינען דעם באשעפער דורך טון - אבער אונזערע מעשים זענען נישט דער עיקר פון אונזער עבודת ה׳.

אויב וואלט עס יא געווען, וואלט דער באשעפער אונז געקענט זאגן אז יעדע אידישע קהילה זאל צאמשטעלן געלט און דערמיט באשטעלן פון א פאבריק וואס פראדוצירט ראבאטן - לאמיר זאגן א הונדערט מעטאלענע ראבאטן, און זיי אריינזעצן אין שול. די ראבאטן זאלן האבן אין זייערע מיילער עפעס א סארט רעדן מאשין, א טעיפ, און יעדן טאג פונקטליך האלב זיבן אינדערפרי זאל אן אנגעשטעלטער זייגער אנצינדן אלע ראבאטן, און זיי וועלן זיך אנהייבן שאקלען און זאגן די ווערטער פון סידור.

אה! וואלט דאס געווען א הערליכע בילד! עס וואלט געווען א פערפעקטע קהלה. קיינער וואלט קיינמאל נישט געקומען שפעט, קיינער וואלט קיינמאל נישט ארויס פון בית המדרש צו פרי, און אלע הונדערט ראבאטן וואלטן זיך אייניג געשאקלט מיט א פונקטליכקייט. עס וואלט נישט געווען קיין שמועסעריי און קיין היפערן די ווערטער פון דאווענען - ווייל אלעס איז רעקארדירט; פון מה טובו, דער ערשטער בלאט פון סידור, ביז צום סוף. די הונדערט מעטאלענע ראבאטן וועלן זיך פירן פערפעקט.

און דערווייל וועלן די מענטשן זיין אינדרויסן און טון וואס זיי ווילן מיט רואיגקייט, ווייל זיי ווייסן אז דער עבודת ה׳ ווערט אויסגעפירט אויפ׳ן בעסטן אופן. דער באשעפער ווערט געדינט מיט שלימות! דאס גאנצע וואס מ׳וועט דארפן טון איז, אז אמאל אמאל זאל קומען דער שול רייניגער און באשמירן די ראבאטן מיט אויל און אונטערזוכן אויב עס איז נישט עפעס קאליע געווארן ביי איינע פון די ראבאטן. עס וואלט געווען א פערפעקטער מנין פון עובדי ה׳, אלע דינען דעם באשעפער מיט זייערע מעשים.

## ראבאטן פון בלוט און פלייש

אייגנטליך, אויב דער מח פון א מענטש איז נישט דערביי מיט זיינע מעשים, פאסירט מיט אים פונקט אזוי. נאר,

אנשטאט עס זאלן זיין הונדערט פאכמאנישע ראבאטן, האבן מיר הונדערט שוואך ארבעטנדע ראבאטן. זיי קומען שפעט; זיי שלעפן זיך אריין אין שול ממש פאר ברכו, דערנאך קומט אביסל שמועסערייען. זיי מאכן אומוויכטיגע גערודער - אנשטאט די גערודער וואס דארף זיך הערן פון זיי ווי פון די רעקארדירונג. די ראבאטן פון בלוט און פלייש זענען זיכער נישט אזוי גוט ווי די מעטאלענע, איז פארוואס זאל מען טאקע נאכנישט באשטעלן די מייסטערהאפטע ראבאטן?

דער ענטפער איז, אז עבודת ה׳ איז גענצליך אנגעוויזן אויפ'ן מח. אונזערע מוחות! דאס איז וואס דער באשעפער וויל פון אונז. ער זאגט, ״איך וויל נישט ראבאטן. איך וויל נישט מעטאלענע ראבאטן און איך וויל אויך נישט קיין ראבאטן פון בלוט און פלייש. איך וויל דיר!״

## אפוועגן ארבעטערס

רחמנא ליבא בעי - דער באשעפער דארף די מחשבות. דיין מח מאכט דיר אויף וואס דו ביסט. דערפאר, ווען דו געבסט זיך איין פאר אן ארבעטס פאסטן, דו גייסט אריין צום באלעבאס אין אפיס און ער וויל אויס'חשבונ'ען וויפיל געהאלט דיר צו באצאלן, זאגט ער נישט, ״גיי ארויף אויפ'ן וואג; לאמיר זען וויפיל דו וועגסט.״ קיינער באצאלט נישט קיין ארבעטער לויט די וואג! ער וויל וויסן וויפיל מח דו פארמאגסט; וואס זענען דיינע פעאיגקייטן? דאס איז וואס גייט אן פאר דעם ארבעטס געבער - דאס איז דער וויכטיגסטער טייל פון דיר. און דערפאר, זיך שאקלען ביים דאווענען, טון מצוות, לערנען תורה, ס'איז אלעס הערליך; אבער געדענק, רחמנא ליבא בעי, דער עיקר פון עבודת ה׳ מיינט די עבודה מיט דער מח.

אלזא, ווען דו קומסט מארגן אינדערפרי אריין אין שול און דו ברענגסט מיט דיין ראבאט און דו שטעלסט אים אריין אין דיין זיץ - ער איז שוין גענצליך אנגעשטעלט און דו ביסט גרייט אים צו לאזן ארבעטן - וואלט געווען א גוטער געדאנק אים צו איבערהאקן אינדערמיט און איבערנעמען די לייצעס. און דו זאלסט רעדן צום באשעפער מיט דיין בלוט און פלייש צונג, און ניצן דערביי דיין בלוט און פלייש הארץ, און דיין פלייש און בלוט מח - און אפילו אויב ס'איז בלויז אויף איין מינוט, וועט דאס זיין חשוב'ער ווי די פופציג מינוט וואס דער אנדערער טייל פון דיר, דער ראבאטישער טייל, זיצט אין שול און שאקלט זיך און פליט אפ דאס דאווענען אן צו זיין אויפמערקזאם צו וואס ער טוט.

## קאנטראל אויף דיין פערד

יעדער מענטש איז א צוזאמשטעל פון צוויי טיילן. איין טייל איז וואס די ספרים הק׳ רופן אן ׳נפש הבהמית׳; דער גוף מיט זיינע תאוות - די שווערקייט און פוילקייט פונעם גוף. יעדער מענטש האט אין זיך טיילוויז א שטיק בהמה; א פערד. עס קען זיין א קליין פערדעלע; ביי געוויסע מענטשן קען עס זיין א גרעסערער פערד, אפשר אפילו א פעסטגעבויעטער פערד; אבער סיי וואס עס זאל זיין, איז עס א פערד.

און דער צווייטער טייל, דאס וואס דארף זיין באלעבאס אויף דעם פערד, דאס איז דער שכל. דער שכל איז ווי א מענטש וואס רייט אויף דעם פערד, פירנדיג עס אין אלע צייטן. דורך דיין מח, שיקסטו שליחות'ן פון פארשטאנד און דעת, און אצינד קענסטו אויספירן דיין פרייער ווילן ווייל דיין בהמה'ישער טייל איז אונטערגעוואַרפן דיין שכל.

אבער דאס אלעס איז נאר מעגליך ווען דו האסט מנוחת הנפש. ווייל ווען דער באלעבאס גייט אראפ פונעם פערד, ער לאזט איגנאנצן נאך דעם קאנטראל, דאן טוט א ווילדער גייסט ארומנעמען די בהמה און ער ווערט צעלאזט - ער רייסט זיך אפ און לויפט פריי. דער פערד איז אצינד א געענדיגטער. ער וועט כאפן שניטן פון די דערנער און שפיציגע שטיינער, ער קען אויך אריינפאלן אין א גרוב אדער זיך אראפקוילערן פון א בארג און טרעפן זיין סוף. דאס גלייכן, ווען דער שכל רייט נישט אויף דעם מענטשליכן פערד, ער געבט אויף קאנטראל און דיקטירט נישט דעם נפש הבהמית, דאן פאסירט מיט'ן מענטש, מיט זיין פערד, אז עס פארלירט נעבעך זיין זעלבסט קאנטראל. ווען עס איז נישטא דער שכל עס צו פירן, דאן רעאגירט דער נפש הבהמית מיט צעמישטקייט; א ווילדער גייסט נעמט איין די מחשבות פונעם מענטש - זיינע געדאנקען לויפן פריי, און ער קען מער נישט דינען דעם באשעפער מיט זיין מח.

# חלק ב׳ - א רואיגע לעבן

## די מעלה פון בטחון

אלזא, מיר האבן ערקלערט אז א רואיגער מח איז דער ערשטער תנאי אין עבודת ה׳, וואס דער חובת הלבבות ברענגט אז צו דעם קען מען צוקומען נאר דורך אן אמת׳ער בטחון אין באשעפער.

אבער אייגנטליך, ווען דער חובת הלבבות רעדט פון בטחון, געטרויען דעם באשעפער, אלס דער וויכטיגסטער פון אלע פאדערונגען צו עבודת ה׳, רעדט ער דארט איבער זייער א הויכע מדרגה אין בטחון; ער באציט זיך צו א גענצליכע זיכערקייט מיט דעם באשעפער - געטרויענדיג אים שטענדיג, נאכאנאנד, ווי מיט פארמאכטע אויגן. כדי צו זיין א גוטער דינער פון באשעפער, איז בטחון דער וויכטיגסטע נויטווענדיגקייט.

זיכער איז די סארט בטחון פון וואס דער חובת הלבבות רעדט, א הויכע דרגה וואס איז נישט אזוי גרינג צו קונה זיין. ווער עס טראכט אז דער אופן פון בטחון וואס דער חובת הלבבות שטעלט אראפ איז א פשוט׳ער ענין, אז דאס קען איבערגעגעבן ווערן אין געציילטע ווערטער, דאן האט ער עס קיינמאל נישט ריכטיג דורכגעלערנט. עס פאדערט אסאך ארבעט - דו וועסט דארפן אריינטראכטן אין די וועגן פון באשעפער א לאנגע צייט ביז דו וועסט ווערן דורכגעווייקט מיט א באוויסטזינגקייט צום באשעפער; מיט א געוואלדיגע קלארקייט אז אלעס איז אונטער זיין קאנטראל און אז אלעס וואס ער טוט איז צום גוטן. און דערפאר, אויב דער בעל חובת הלבבות וואלט מיטגעהאלטן אונזער דאזיגער שמועס, וואלט ער נישט אזוי צופרידן געווען פון די געדאנקען און עצות וואס מיר גייען דא ארומרעדן, ער וואלט געוואלט מיר זאלן זאגן און שפירן אז ה׳ מלך תגל הארץ - דער באשעפער איז בעל הבית און דערפאר זאל זיך די וועלט פרייען, וואס דאן איז דא א שמחה אין קאפ, א מנוחת הנפש אויף די העכסטע דרגה, וואס קומט פון די ידיעה אז אלעס איז אונטער קאנטראל - און אז עס איז אונטער קאנטראל פון דער אלעס-ווייסנדער, בעל היכולות, ליבער באשעפער.

## ״ברוך ה׳, ערגער״

איינער האט אמאל געפרעגט הגאון רבי ישראל סאלאנטער ווען ער איז שוין געווען אלט און שוואך, ״ווי אזוי פילט איר היינט?״ האט ער געענטפערט, ״ברוך ה׳, אביסל ערגער.״ דערמיט האט ער געמיינט, ״ברוך ה׳, אלעס איז אונטער קאנטראל פון דער וואס ווייסט די בעסטע.״

ענליך האט דער חפץ חיים זיך אויסגעדריקט אין די לעצטע טעג פאר זיין הסתלקות, ווען דער מצב אין פוילן איז געגאנגען פון שלעכט צו ערגער, האט ער געזאגט, ״עס גייט אין גוטן ריכטונג.״ דאס הייסט, ׳דער באשעפער פירט אלעס אין גוטן ריכטונג.׳

דער אמת איז, אז אויב מיר זאלן קענען שטייגן צו די הויכע מדריגה אין בטחון פון וואס דער חובת הלבבות רעדט, וואלטן מיר געווען לויטערע פרייליכע מענטשן. אויב איר וואלט געזען רבי ישראל סאלאנטער, וואלט איר געזען דער גליקליכסטער מענטש. דאס איז ווייל ריינע בטחון אין הקדוש ברוך הוא איז גענוג צו געבן פאר א מענטש א גענצליכע און דורכדרינגליכע געפיל פון מנוחת הנפש.

## א פאר׳קורצ׳טער וועג צו בטחון

אבער מיר גייען נישט יעצט פראבירן אויף איין מאל אנצוקומען ביז אהין, מיר וועלן דערווייל ניצן א פאר׳קורצ׳טער וועג צו בטחון; מיר וועלן באהאנדלען דעם ענין פון ווי אזוי צו קונה זיין שלוות הנפש אויף א פשוט׳ערע דרגה - מיר ווילן צו דעם אנקומען אויף סיי וועלכער מעגליכער אופן, ווייל מיר קענען דאס נישט לאזן ווארטן. מיר קענען דאס נישט אפשטופן אויף ביז מיר לערנען גרינטליך אדורך דעם שער הבטחון און קומען אן צום שפיץ פון דעם לייטער און דערווייל בלייבן אן קיין שלוות הנפש, דער מינימאלסטער געברויך צו קענען דינען דעם באשעפער. אודאי וועלן מיר אויך מיט די צייט הארעווען צו ארויפגיין אויף דעם לייטער פון בטחון ביז׳ן שפיץ, אבער דערווייל מוזן מיר וואס פריער קונה זיין די טייערע מידה פון מנוחת הנפש. דערפאר וועלן מיר נעמען אפאר מינוט צו ארומשמועסן עטליכע ״געקונצלטע״ מיטלען צו קונה זיין מנוחת הנפש וואס מען דארף האבן צו דינען דעם באשעפער.

אלזא, עס איז נישט אלעמאל מעגליך צו באהאנדלען די סיבות צו אומרואיגקייט אויף אן אלגעמיינעם גאנג; צו קונה זיין מנוחת הנפש איז די בעסטע צו ארבעטן דערויף אויף אן אינדיווידואלער אופן; יעדער לויט זיינע נאטורן און מצבים. פונדעסטוועגן, זענען דא עטליכע אלגעמיינע כללים וואס קענען אונז אלע העלפן - געוויסע אווייזונגען וואס יא אדער נישט צו טון, וואס זענען נוגע פאר מערסטנס פון אונז.

## האלט זיך צו א שטייגער

דער ערשטער יסוד איז, צו נאכגיין אין די פיסטריט פון אונזערע אור-עלטערן אין מדבר וואס זיי האבן געלעבט ׳איש על דגלו׳, אלע טעג פון זייערע לעבנס. זיי האבן געלעבט מיט א הונדערט פראצענטיגער סדר, וואס דאס אליין איז געווען דער שליסל פאר א לעבן מיט מנוחת הנפש. דער ענין פון זעלבסט קאנטראל אין אונזער סדר החיים, זיך צו האלטן צו א מסודר׳דיגער שטייגער, איז פון העכסטן וויכטיגקייט.

ווילאנג א מענטש האלטן זיך מער וויינער צו א סדר, ווערט דער פונק פון מנוחת הנפש זיך נישט פארלעשן. דערפאר שטייסטו אויף אינדערפרי און דו טוסט וואס איז וויכטיג. דו קומסט אין שול, דו דאווענסט לויט די סדרי תפילה, ווי עס טוט דאס אידישע פאלק. דו פירסט זיך לויט א שטייגער און דיין שכל איז אין קאנטראל. דו קומסט אהיים. דו גייסט דערנאך צו די ארבעט. סיי וואס דו טוסט איז עס מיט א פלאן, ווייל דו פאלגסט נאך די פארשריפטן פון די תורה און דו ווערסט א מענטש וואס איז מסודר און רואיג.

## וואס מאכט מיר אומרואיג?

אצינד, אויב ווילסטו טרעבירן דיין מח צו זיין רואיג און אונטער קאנטראל, לוינט זיך ערשט צו נאכגיין און זען וועלכע זאכן קענען צעשטערן דיין רואיגקייט. עס געשעט נישט פון זיך אליין; עס זענען דא געוויסע זאכן וואס רעגן אויף א מענטש; און דערפאר איז א גוטע עצה פאר יעדן מענטשן צו מאכן א ליסטע פון וואספארא זאכן עס צעשטערן זיין מנוחת הנפש. ׳וואס קען גורם זיין איך זאל ווערן באאומרואיגט אינדערהיים?׳ ׳וואס פאסירט ביי מיין ארבעטס פלאץ וואס רעגט מיר אויף פון צייט צו צייט דורכ׳ן טאג?׳ און דו זאלסט זיך איינ׳חזר׳ן די ליסטע ווען נאר מעגליך כדי דו זאלסט זיין באוויסטזיניג צו די זאכן און בעסער צוגעגרייט צו האנדלען דערמיט ווען זיי קומען אונטער.

מאכט זיך, צום ביישפיל, אזא עפיזאד, אז א מענטש האט אפגעשמועסט מיט זיין ווייב זיך צו טרעפן אינדרויסן פון די חתונה זאל צען-דרייסיג און זי איז ארויסגעקומען ווען עס איז שוין געווען צען-זיבן און דרייסיג. זי קומט ארויס רואיג, אן זיך צו אנטשולדיגן, און דאס צערודערט אים; זיין מח הייבט אן צו ברויזן. קען זיין ער איז א קלוגער מאן און ער וועט נישט עפענען זיין מויל אבער דאך הערשט אן איבערקערעניש אין זיין קאפ.

## איבערגיין די ליסטע פון צייט צו צייט

אויב אבער וואלט ער דורכגעלערנט די ענינים פון בטחון און מנוחת הנפש אויף דעם אופן וואס דער חובת הלבבות ערקלערט, וואלט די גאנצע מעשה אריבער גענצליך אומבאמערקט. ער ווייסט שוין אז אלעס איז דער באשעפער; ער האט געלערנט די וועגן פון באשעפער אויף די וועלט און ער ווייסט אז אלעס איז כולו חסד; אלעס איז גוט. כל דעביד רחמנא לטב עביד - אלעס וואס דער באשעפער טוט איז צום גוטן, און וואס טוט ער דען נישט?!

און ער ווייסט אז באמת מאכט סיווי גארנישט אויס אויף די וועלט; קיין שום זאך אין די וועלט איז נישט ווערד צו פארלירן צוליב דעם די קאנטראל איבער זיך. און אזוי איז דער אמת׳ער בעל בטחון אלעמאל פרייליך און רואיג, וואס דאס מיינט אז זיין קאפ איז אים פריי פאר עבודת ה׳ אין אלע צייטן.

אבער נישט יעדער האט שוין דערגרייכט צו דעם הויכן שטאפל אין בטחון, דערפאר איז די בעסטע זאך זיך צו אנגרייטן אויף די סארט עפיזאדן; צו אנדייטן אויף דיין שוואכקייט און אויספלאנירן אן אויסוועג ארום דעם. א קלוגער מענטש נעמט ארויס זיין ליסטע פון צייט צו צייט און גייט איבער וואס ער האט דארט געשריבן און ער דערמאנט זיך אז ווען מ׳מאכט אים ווארטן פאר עטליכע מינוט, אדער אפשר ווען זיין פערזענליכער חפץ ווערט גענומען אן זיין רשות, קען עס אים צערודערן. דאן מאכט ער אפ ביי זיך אז אפילו אויב ער דארף ווארטן 15 מינוט, אדער נאכמער, זיין ווייב האט באקומען א וועג אהיים מיט א צווייטן ווען ער האט געווארט אויף איר ווי א נאר, אדער זיינע דאקומענטן

זענען אראפגענומען געווארן פון זיין טיש און קיינער ווייסט נישט וואו עס איז, ווערט כאטש זיין מנוחת הנפש נישט אויסצאנקען. ער איז צוגעגרייט פון פאראויס אויף אזעלכע עפיזאדן און דערפאר גייט עס אריבער ווי אפשאקלען די וואסער פון א קאטשקע׳ס רוקן. דער מענטש, דורכדעם וואס ער האט געקוקט פאראויס, האט אנגעהאלטן זיין מנוחת הנפש און דערפאר קען ער ווייטער זיך ריכטן פאראויס און אויפטון זיין תפקיד צוליב וואס ער איז געקומען אויף די וועלט.

## פאבריצירטע קריזיסן

אבער עס זענען דא מענטשן וואס אנשטאט צו פארמיידן די זאכן וואס וועלן צעטרייסלען זייער גלייכגעוויכט, וועלן זיי מיט די אייגענע הענט גיין און אנפילן זייערע קעפ מיט זאכן וואס צעשטערן זייער מנוחת הנפש. זייער אסאך מענטשן טוען אנלייגן זייערע קעפ מיט אומוויכטיגע זאכן דורך ליינען נייעס. וואס ווערסטו דערלייגן אויב דו ווערסט נישט וויסן וואס עס האט פאסירט דא אדער דארט? דערפאר זאל דאס זיין אויף יעדן׳ס ליסטע - ליין נישט קיין צייטונגען; קוק נישט אויף די נייעס. דאס איז זייער א גוטע עצה, ווייל א גרויסער טייל פון קריזיסן אין אונזערע לעבנס זענען אייגן געמאכטע. די צייטונג שרייבערס רייטן אויף די מענטשן. ווי אזוי ווערן זייערע צייטונגען פארקויפט? דורך פאבריצירן קריזיסן. דורך מאכן סענזאציעס פון גארנישט. אויב וואלטן זיי נישט געדרוקט אט די זאכן, וואלט עס נישט געווען קיין סענזאציע. אפילו אויב די אינפארמאציע דערין דארף באריכטעט ווערן; אבער דער וועג ווי אזוי עס ווערט געטון - זיי בלאזן עס אויף כדי מענטשן זאלן קויפן די פאפירן.

געוויסע צייטונגען האבן א מילכל צו צעמאלן דעם ליינער. די צייטונגען האבן אן אינטערעסע צו ווייזן אז עס זענען דא פראבלעמען אין שטאט. זיי ווילן מאכן א גרויסער עסק איבער ליידיגגייערס, איבער גניבות, לייגן זיי גרויסע בילדער אויפ׳ן דרויסנדיגער בלאט. זיי שרייבן אויפ׳ן שער בלאט שרייעדיגע ווערטער וואס באריכטן קאטאסטראפישע אינצידענטן און לייגן אריין א פחד אין מענטשן און די ליינערס ווערן אנגעצויגן. אן קיין שום בארעכטיגטע סיבה ווערט צעשטערט די מנוחת הנפש וואס דו דארפסט האבן צו דינען דעם באשעפער. עס מיינט נישט אז דו ביסט צוליב דעם ממש אנגעפילט מיט זארג, אבער בלויז דער פאקט אז די נייעס פון טאג גייט אריבער אין דיין מח, מיינט דאס אז דיין קאפ איז פארנומען, עס איז נישט פריי דיר צו קענען ניצן אויף דעם צוליב וואס דו האסט עס באקומען.

## זיי מאכן געלט אויף דיין חשבון

א מענטש וואס לייענט נישט קיין צייטונגען בכלל וועט פארדינען גאר אסאך רואיגקייט אין מח. דו באמערקסט נישט ווי זיי זענען בלויז פינגער זויגערס - אז די צייטונגען טוען נאכאנאנד פאבריצירן סענזאציעס דיר צו דערשרעקן, דיר צו צערודערן, אז דו זאלסט נאכאמאל גיין און קויפן די צייטונג, ״וואס האט פאסירט? איך מוז וויסן.״ דערנאך איבערמארגן ווידער. און דו טוסט פארזעצט צו העלפן די צייטונג שרייבער מאכן געלט אויפ׳ן חשבון פון דיינע נערוון.

דאס גלייכן, הערן נישט אויס קיין נייעס. די אלע נייעס מעלדונגען פאבריצירן סענזאציעס און געבן דיר וואס צו טראכטן, פון וואס צו ווערן מרה שחורה, און עס איז ווערדלאז. זיי פארדינען זייער ברויט און פוטער פון דיינע זארגן. מענטשן באמערקן דאס נישט. און יעצט ווייסטו שוין וואס דער מענטש האט געזאגט אדער וואס דער פרעזידענט האט געטון - איז וואס?! צו וואס דארפסטו דאס וויסן?! עס איז בלויז נאך מחשבות וואס דרייען זיך אין דיין קאפ; מער אנגעלייגטקייט וואס נעמט אוועק דיין מנוחת הנפש, אן קיין שום צוועק בכלל.

ביסטו דער וואס פירט אן די עסקניות פאר די ארטאדאקסישע געמיינדע, וואס דערפאר דארף דיין קאפ געשטערט ווערן פון אזעלכע זאכן? קיינעם גייט סייווי נישט אן וואס דו האלטסט - דו קענסט דאס איבערלאזן פאר די גרויסע קעפ וואס טראגן פאקטיש דאס אחריות פאר׳ן ציבור. דער פאקט אז דו גייסט אויסהערן די נייעס אדער ליינען די צייטונג וועט אינגאנצן נישט העלפן פאר די פירערשאפט פון די אידישע געמיינדע. עס איז בלויז פאר דיין אונטערהאלטונג פארוואס דו טוסט עס, און דערווייל טוט דיין מח שטענדיג רודערן איבער גארנישט און דיינע נערוון ווערן צעטרענט אומזיסט.

## עס קומט א נוקלארער פארניכטונג?

דארפן מיר דען מיטלעבן די שוועריקייטן, די פראבלעמען, וואס האבן זיך אפגעשפילט אין לאס אנזשעלעס, אין

האליוואד, ווען דער אזוי גערופענער סימביאניס ארמיי האט גע'גנב'ט א מיידל? וואס איז דאס אונזערע געשעפטן? לאז זיי אלע גיין וואו זיי דארפן גיין! מיר האבן אונזערע אייגענע עסקים דא; מיר דארפן זיצן און לערנען תורה און ברענגען פרנסה, מיר האבן מצוות צו טון און מיר דארפן ערציען אונזערע קינדער צו תורה און יראת שמים, און דערווייל טוען די נארישע זאכן צערודערן מענטשן דא אין ברוקלין און מיר פארלירן צוליב דעם אסאך רואיגקייט אין מח.

צי דארפסטו זיין באזארגט יעצט אז עס גייט ח"ו זיין אן אטאמישע באמבאדירונג, אדער סיי וואס עס שטייט באריכטעט די וואך?! די צייטונג ווארנט דיר אז ס'גייען זיין שלאכטן, ריאטן, אדער אז עס גייט ח"ו זיין א פארניכטונג אין אמעריקע. עס זענען דא אזעלכע וואס וועלן זיך פרייען עס זאל פאסירן חלילה, ווייל דו ווייסט, זיי ווילן דו זאלסט גיין צו מדינת ישראל. דערפאר האט א פארשוין אמאל געשריבן א לאנגער בריוו אין די ניו יארק טיימס, א גאנצער בלאט, ווארענענדיג די אידן איבער א פארניכטונג. דו קענסט יענעם פארשוין? ער איז דער וואס פאררופט זיך אלס דער רעטער פון דאס אידישע פאלק. דאס הייסט א רעטער פון דאס אידישע פאלק?! דערמיט טוט ער בלויז געבן עצות פאר די אנטיסעמיטן און דערווייל קאכט ער אויף דיינע זארגן!

גלייב מיר, דו וועסט לעבן פיל לענגער, דיין בלוט דרוק וועט זיין פיל מער סטאביל, אויב דו וועסט דאס אלעס באזייטיגן פון דיין לעבן. אלעס וועט זיין מער פרייליך אויב דו וועסט נישט האבן קיין שייכות מיט די פראבלעמען און פאנטאזירטע פראבלעמען פון אנדערע מענטשן. און דערפאר איז עס א גוטע עצה צו צולייגן צו אונזער מנוחת הנפש ליסטע. לייג נישט קיין צייטונגען און הער נישט קיין נייעס און דו וועסט פארדינען גאר אסאך רואיגקייט אין קאפ.

## חלק ג' - א צוועקפולע לעבן

### האלט דיין מויל פארמאכט

אמאל קומען אפיר זאכן אין דיין לעבן וואס זענען וויכטיגער ווי דאס וואס שטייט אויפ'ן שער בלאט פון די צייטונגען; זאכן וואס דארפן אויפנעמען **אביסל** פלאץ אין דיין מח. און דאך, דארפסטו זיך טרענירן נישט צו צולאזן אז אויך אזעלכע זאכן זאלן גורם זיין שטערונגען אין דיין רואיגקייט אין קאפ. עס קען פאדערן אביסל מחשבה, אביסל יישוב הדעת, אבער עס דארף נישט פאראורזאכן אז דער פונק פון מנוחת הנפש זאל אויסצאנקען. און איינע פון די ווירקזאמסטע וועגן דאס צו דערגרייכן איז דורך האלטן דאס מויל פארמאכט.

איך האב געקענט א מענטש, א חשוב'ער איד, וואס האט קיינמאל נישט גערעדט פון זיינע זארגן. דער איד האט אלעס געהאלטן אין זיך און אפילו זיין ווייב און קינדער האבן נישט געוואוסט וואס ער גייט אריבער. און עס איז געווען אן אינטערעסאנטע זאך; אלע זיינע זארגן זענען מיט די צייט פארשוואונדן. פריער אדער שפעטער איז יעדער איינציגסטער זארג פאריבער; און דערווייל האבן זיין פאמיליע קיינמאל נישט גע'חלומ'ט אז עפעס א קריזיס האט געהאלטן ביים אונטערקומען, דערנאך אז עס פאסירט, און אז עס איז פאריבער.

אפילו ווען זיין פאמיליע האט יא אנטדעקט וואס עס קאכט זיך, האט ער זיי נישט געלאזט רעדן דערפון. "ברענג נישט אויף די נושא, פארגעס דערפון. דאס איז עס." ער האט זיי שטרענג פארבאטן עס צו באשמועסן.

און דערפאר זענען אלע זיינע פראבלעמען אריבער אן וואס זיין פאמיליע זאל מיטהאלטן. און צומאל האט ער געהאט גוטע סיבות פאר זארגן. ער האט געהאט פיינט און אויך שוועריקייטן, אבער ווייל ער האט נישט גערעדט דערפון, זענען די זארגן שטארק פארקלענערט געווארן - אפילו אין זיין אייגענער מח זענען זיי געווארן פארמינערט.

### ווערסטו געצאלט איבערשטונדן?

דאס איז א גוטע עצה פאר אונז אלע. ווען דו פילסט אז דו ווערסט געשטערט פון עפעס, סיי וואס עס זאל זיין, רעד נישט דערפון ווייל רעדן ברענגט עס שטערקער ארויס. צומאל קען עס שנעל פארבייגיין אבער דורך רעדן דערפון, מאכסטו עס מער באשטימט און עס פארבלייבט א פערמאנענטע זאך. אויב דו איגנארירסט עס, אפילו נאר פונדרויסן, דאן וועט עס דיר זיין גרינגער אינעווייניג. דאגען, אויב דו מאכסט אן עסק דערפון, דו רעדסט דערוועגן, דאן טוסטו עס פארערגערן.

עפעס האט פאסירט ביי די ארבעט? פראביר צו פארגעסן דערפון; ווען דו גייסט ארויס פון די ארבעט, פארמאך די טיר און טראכט מער נישט דערפון. ס'איז גענוג אז דו דארפסט צוריקקומען מארגן און זארגן דערוועגן. ווען דו שפאנסט ארויס פון דעם פלאץ, לאז דארט איבער אלע דיינע זארגן. דו ווערסט נישט באצאלט איבערשטונדן פאר זארגן. דורך רעדן דערפון טוסטו בלויז פארגרעסערן דעם פראבלעם; דו ווערסט צערודערט און באזארגט. צי וועסטו יעצט קענען דאווענען ווען דו ביסט נערוועז און אנגעצויגן? צי וועסטו קענען שעצן די שיינקייט פון לעבן און דאנקען דעם באשעפער פאר זיינע אלע חסדים, אויב דיין קאפ רוישט אין דיר? וואספארא סארט עובד ה' קענסטו זיין אן א קאפ?

## נאכט זארגן

אמאל איז דא, לא עליכם, א קריזיס אין די פאמיליע. עפעס האט פאסירט און דער טאטע קומט אהיים און דערציילט אז דער ביזנעס האלט ביים צוזאמענפאלן, חלילה. אמאל ברענגט מען אהיים שווערע נייעס וואס פאסירט ביי אנדערע. און, וואס עס פאסירט דערנאך טאר נישט פאסירן. דער עולם בלייבט וואך ביז די קליינע שעות פון נאכט און זארגן איבער דעם. און דער קומענדיגער טאג איז רואינירט! זייערע נערוון זענען צעטרעטנט און דער פראבלעם לעבט נאך אין זייערע קעפ - נאר יעצט איז עס טויזנט מאל ערגער.

סיי וואס עס איז, גיי שלאפן פרי! געב דיינע ארעמע אפגעשוואכע נערוון א געלעגנהייט צו ווערן אויפגעפרישט. צו האבן א גוטע נאכט שלאף איז זייער גוט פאר די נערוון. עס איז דער גרעסטער טעות צו אויפבלייבן ביז שפעט און צו רעדן דערפון און איבערקייען און עס פארערגערן מער און מער. גיי פרי שלאפן, נישט קיין חילוק וואס! און ווען דו שטייסט אויף צומארגנס נאך א גוט נאכט שלאף, אפשר וועסטו איינזען אז עס איז געווען שקר וכזב. אדער כאטש וועסטו זיין אביסל בארואיגט.

## גיין שלאפן צייטליך

סדר אין דיינע שלאף געוואוינהייטן איז א מוז, אן אויסדרוקליכע פאדערונג. "הוי גבור כארי - זיי שטארק ווי א לייב, לעשות רצון אביך שבשמים - צו טון דעם רצון פון דיין טאטן אין הימל" (אבות ה:כג). עס פאדערט זיך אמאל צו ניצן כח פון א לייב צו טון דעם רצון פון באשעפער. און די ספרים זאגן אז צווישן די זאכן וואס רעכענען זיך אריין ביי וואס מ'דארף צומאל זיין שטארק ווי א לייב איז זיך צו צווינגען צו גיין שלאפן צייטליך.

נישט נאר ווען מ'איז באזארגט. געוויסע מענטשן דרייען זיך און בטל'ן די צייט ביינאכט, טוענדיג גארנישט, און זיי שטייען אויף אינדערפרי אן קיין כח און דערנאך ווערט דער גאנצער טאג פארפאטשקעט. דיין דאווענען וועט זיין אן צופיל כח און זיכער דיין לערנען. דיינע ברכות זענען נישט קיין ברכות און דיין בין אדם לחבירו איז אויך נישט אינגאנצן ווי ס'דארף צו זיין.

דערפאר, דארפסטו זיך צווינגען אפצושטעלן אלעס באצייטנס. דארפסט זיין א זריז צו גיין שלאפן צייטליך. דאס איז דער וועג זיך צו צוגרייטן צום קומענדיגן טאג מיט הצלחה. עס זענען דא געוויסע צדיקים וואס זענען זייער שטארק און קענען אנגיין מיט ווייניגער שלאף. אבער ערווארט נישט פון דיר דאס צו זיין.

## טויש דיין נערוון סיסטעם

אויב דו הייבסט אן צו שלאפן אכט שעה יעדע נאכט, און דו טוסט עס דורכאויס א לאנגע תקופה, וועסטו אנטדעקן א גרויסן טויש אין דיין נערוון סיסטעם. א גרויסן טויש! אויב דו נעמסט אן מיין עצה, דו ביסט קביעות'דיג דערמיט, וועסטו קיינמאל נישט וועלן צוריקגיין צו דיינע פריערדיגע געוואוינהייטן. דו וועסט זיין אינגאנצן אן אנדער מענטש.

דערפאר מוז יעדער זיכער מאכן צו האבן גענוג שלאף. אין מערסטנס פעלער קען מען אויספלאנירן א סדר היום זיך צו קענען ערלויבן גענוג שלאף. אפילו אויב דיין קינד וועקט זיך אויף ביינאכט, קענסטו פון פאראויס אויספלאנירן און האבן וויפיל שלאף עס פאדערט דיר. און אויב דו קענסט, איז גוט צו האבן איינער זאל דיר איבערנעמען אויף אביסל צייט יעדן טאג זיך צו קענען צולייגן בייטאג אויף א האלב שעה; א האלבע שעה בייטאג איז א ישועה! צומאל קענסטו אריינשמוגלען אפילו מער ווי א האלבע שעה.

דאס איז נאך וויכטיגער ווי עסן. עס איז וויכטיגער ווי וויטאמינען. איך קען דאס זאגן פון ערפארונג. איך קען אזויפיל מענטשן, אזויפיל פיינע מענטשן, יונגע מענטשן, וועלכע האבן צוגרונד געלייגט זייער שטאנד אין עבודת ה׳ דורך נישט שלאפן גענוג. זיי האבן צעשטערט זייער מנוחת הנפש און דאס איז געווען דער אנהייב פונעם סוף.

## זיי קאנצענטרירט אויף דיין עיקר ציל

אצינד, מער פון אלעס, דער שליסל צו מנוחת הנפש, צו די רואיגקייט אין קאפ פון אן עובד ה׳, איז נישט צו פארלירן די קאנצענטרירונג אויף די עיקר צילן אין לעבן. לאמיר זאגן עפעס קומט אונטער, א זארג, עפעס א שטערונג צו דיין רואיגקייט אין קאפ. יעצט איז די צייט צו נעמען דיינע פינגערס און אויסרעכענען, ׳צו וואספארא זאכן וויל איך באמת דערגרייכן אין מיין לעבן?׳

יעצט טראכט מיט לאגיק - ׳דער ענין וואס איז יעצט אונטערגעקומען קען אפעקטירן מיינע צילן?׳ צום ביישפיל, איך וויל מצליח זיין אלס אן ערליכער איד אין תורה און מצוות; צי גייט דער אינצידענט האבן א השפעה אויף דעם? איך וויל אז מיינע קינדער זאלן אויסוואקסן תלמידי חכמים און יראי שמים; צי קען דאס האבן אן איינפלוס אויף דעם ציל? אדער, איך וויל לעבן לאנג; וועט דאס האבן עפעס א ווירקונג אויף דעם דאזיגן ציל?

רעכן אויס דיינע צילן, און דו וועסט אנערקענען אז אין מערסטנס פעלער, דאס איבער וואס דו האסט געזארגט, האט אויסדריקליך גארנישט קיין שייכות מיט דיינע צילן. עס זענען פאראן מענטשן וואס ווערן אנגעצויגן וועגן א שכן. און זיי פירן זיך צוריק נישט שיין און דאן פאסירן זאכן. אבער אין אמת׳ן, דער פאקט אז דיין שכן פירט זיך נישט שיין צו דיר מיינט איבערהויפט גארנישט.

## און אז זיי רודערן?!

איך קען א מענטש וואס פלעגט קומען הערן מיינע שיעורים און ער האט מיר איינמאל באזוכט אינדערהיים. זיינע אויגן זענען אים נישט געשטאנען גראד, ער האט אויסגעזען ווי א נערוועזער שארבן. איך האב געטראכט אז עפעס שרעקליך האט פאסירט. האב איך אים געפרעגט ״וואס איז געשען?!״

ער האט געוואוינט איןברייטאן ביטש. ער האט געהאט א גוי׳ישער שכן מיט אפאר צענערלינג שקצים וואס האבן אים געמאכט פראבלעמען. זיי האבן אים געשטערט. האט ער זיי אנגעשריגן און דאס האט אנגעמאכט א גרויסע קריגעריי, מיט פאליציי, איינמאל און נאכאמאל, ביז די זאך איז אנגעקומען אין געריכט. אצינד איז דער מענטש געווען נערוועז, ער האט אויסגעזען ווי א צעבראכענער שארבן.

דער מענטש האט געהאט א גוטע ארבעט. ער האט געהאט א היים מיט א ערליכע פאמיליע. אלעס איז געווען מסודר. אויב ער וואלט זיך געמאכט א ליסטע פון זיינע צילן און געזאגט, ״וואס גייט מיר אן וואס זיי טוען דארט? און אויב זיי רודערן און מאכן גערודער, איז וואס? איז דאס דען גענוג וויכטיג אז איך זאל צוליב דעם פארלירן מיין קאנצענטרירונג אויף מיינע צילן?״ אויב ער וואלט אזוי געטון, וואלט ער אנגעהאלטן זיין מנוחת הנפש און זיין רואיגקייט.

## וועסט סייווי באקומען דיין געהאלט

איינמאל דו אנערקענסט דיינע צילן אויף די וועלט, וועסטו זיך קענען אומוויסנדיג מאכן פון אזויפיל זאכן און אנהאלטן דיין מנוחת הנפש.

לאמיר נעמען א ביישפיל: דו האסט אן ארבעטס פאסטן. דו ביסט נישט דארט כדי צו זיין א העלד און א מייסטער. דו געפינסט זיך דארט ווייל דו זאלסט קענען אהיימברענגען א געהאלט יעדע וואך, און דאס איז די גאנצע וואס דו דארפסט פון דעם פלאץ.

מאכט זיך אז איינער טוט צופיל באלעבאטעווען איבער דיר. אדער איז דא איינער וואס א נודניק. וואס גייט דיר עס אן?! דו זיץ דארט און זיי עס מקבל פאר אכט שעה אין טאג, אן זיך צו קימערן דערמיט. סוף וואך וועסטו סייווי באקומען דיין געהאלט, מיט די אלע זאכן און אן. אלזא, אכט שעה פארליר נישט דיין וואכזאמקייט אויף דיין ציל.

דו ביסט נישט דארט צו זיצן באקוועם. דו ביסט דארט בלויז צו פארדינען דיין טשעק. אויב דו וועסט האלטן אן אויג אויף דיינע צילן, וועלן מערסטנס פון די זאכן צעגיין.

## עטליכע מחשבות זיך צו בארואיגן

עס זענען דא נאך וועגן, מער מעטאדן צו אנהאלטן דיין מנוחת הנפש. אמאל קענסטו דארפן זיך בארואיגן מיט מחשבות וואס וועלן דיר העלפן שטעלן זאכן אין פלאץ. אט זענען עטליכע בארואיגונגס געדאנקען; ערשטנס, געדענקט אז סייווי וועסטו איין טאג שטארבן. אלעס וועט פארבייגיין. ווי לאנג קען דען א מענטש לעבן אויף די וועלט? דאס איז זייער א וויכטיגע מחשבה. ס'איז א טרייסט -וואס האסטו צו זארגן? אלעס ענדיגט זיך אמאל. דו וועסט פטור ווערן דערפון פריער אדער שפעטער - האפנטליך אביסל שפעטער.

נאך א בארואיגונגס מחשבה: צרעת איז פיל ערגער. טראכט וואס עס האט חס ושלום פאסירט צו דער מענטש וואס האט געטראפן א פינקע פלעק אויף זיין קערפער. ער האט נישט געוואוסט וואס דאס איז און איז געגאנגען צום דאקטער. ער האט געטראכט אז ס'איז א קלייניקייט אבער דער דאקטער'ס פנים איז געווארן ערנסט. ער האט געזאגט, "איך דארף דיר שיקן צו א ספעציאליסט." "א ספעציאליסט? צו וואס?! וואספארא סארט ספעציאליסט?" "א ספעציעלער הויט דאקטער," איז געקומען דער ענטפער.

שפעטער האט דער הויט דאקטער אים געזאגט, "איך מיין אז א קומענדיגע מאל זאלסטו קומען צו מיר מיט דיין ווייב." "מיין ווייב?!" וואס גייט דא פאר?!"

דער דאקטער דארף דאס איבערגעבן פאר די געזונטהייט מיניסטעריום פון די רעגירונג, און דער מענטש קען מער נישט בלייבן אינדערהיים. ער דארף זיך אריבערציען קיין לוזיאנא און זיין אפגעהאקט פון די מענטשהייט, חס ושלום.

אלזא, אויב דו האסט באקומען א פארקינג טיקעט אדער אפילו עפעס ערגער ווי דאס, בארואיג זיך מיט'ן געדאנק אז סיי וואס עס פאסירט איז עס בעסער ווי צרעת. טראכט איבער דעם. עס איז א בארואיגונגס מחשבה.

אויך קען דיר העלפן צו אריינטראכטן: נישט קיין חילוק וואס עס פאסירט אויף די וועלט, גיהנום איז ערגער. אזוי שרייבט דער חובת הלבבות, "דער ערליכער מענטש זאגט, 'רבונו של עולם, מיין מורא פון דיר האט מיר געמאכט פארגעסן פון אלע אנדערע פחדים.'" עס איז דא אנגעגרייט א גרויסער גיהנום. איז אויב דו האסט א געוואוינהייט פון זיך זארגן, קאנצענטריר אלע דיינע זארגן אויף דעם. עס וועט אויפנעמען דיין גאנצע צייט.

אודאי וועסטו דאס נישט טון - אבער אויב אזוי, זאלסטו אודאי נישט זארגן אויף די אלע קליינע זאכן. אן ארבעט? ארבעט קומט און ארבעט גייט. און אויסערדעם, מענטשן הונגערן נישט אין אמעריקע; דו וועסט טרעפן ארבעט. דו וועסט שוין געפינען ווי אזוי זיך צו שפייזן.

## דאס רואיגע פאלק - שטענדיג

אלזא, די אלע זאכן זענען בלויז אלגעמיינע עצות ווי אזוי צו טראכטן און דורכדעם טווישן דיין מצב. עס איז נישטא איין עצה פאסיג פאר אלעמען וועז עס קומט צו מנוחת הנפש אבער געווענליך זענען די געדאנקען הילפבאר פאר יעדן, ביי איין צייט אדער אן אנדער צייט.

אבער סיי וואס עס זאל זיין, סיי וועלכער גאנג דו וועלסט אויס, קען מען זיך נישט ארויסדרייען - אויב ווילסטו זיין אן עובד ה', דאן וועסטו מוזן קונה זיין א רואיגער מח. א מח וואס איז אנגעפילט מיט זארגן און אנגעצויגנקייט וועט קיינמאל נישט מצליח זיין אין עבודת ה', ווייל דעם קאפ דארף מען די מערסטע ניצן דערצו. נאר ווען א מענטש לעבט מיט בטחון איז זיין קאפ רואיג און עס העלפט אים זיך צו קאנצענטרירן אויף די וויכטיגע ענינים אין לעבן, די געהויבענע השקפות פון עבודת ה'.

און דאס איז די געוואלדיגע לערע וואס דאס אידישע פאלק האט געלערנט ווען זיי האבן פערציג יאר געלעבט איש על דגלו, יעדער מאן ביי זיין פאן; מיט א סדר החיים און א מנוחת הנפש וואס האט דורכגענומען יעדן פרט פון זייער לעבן, יעדע ווינקל און קריץ אין זייער מח. עס איז געווען א פאלק פון דיסציפלין וואס האט געקענט אויסניצן זייערע לעבנס בלויז צו דינען דעם באשעפער. דאס איז געווען דאס פאלק וואס איז געווען ווערד צו זיין דעם באשעפער'ס הייליגע פאלק לנצח נצחים.

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**עס שטייט גדולה שמושה של תורה יותר מלימודה - צו באדינען א תלמיד חכם איז גרעסער ווי צו לערנען תורה פון אים. אבער אויב איז תלמוד תורה כנגד כולם, אויב לערנען תורה איז חשוב'ער ווי אלע מצוות, דאן פארוואס איז צו באדינען א רבי חשוב'ער ווי צו לערנען?**

## תשובה:

דער ענין פון שימושה של תורה מיינט צו באדינען תלמידי חכמים און צו זיין ארום זיי ווי מער אין זייערע טעגליכן סדר היום. ווען מען רעדט איבער די גרויסקייט פון באדינען תלמידי חכמים - באציט זיך עס צו אמת'ע געהויבענע תלמידי חכמים פון אמאל - וואס אלע זייערע מעשים זענען געווען א שטיק תורה. דער וועג ווי אזוי זיי האבן גערעדט, ווי אזוי זיי זענען געגאנגען; אלעס! מען האט געזען ביי זיי תורה למעשה. ווען מען זעט תורה למעשה, איז עס מער משפיע ווי ווען מ'הערט תורה אין קאפ. ווען מ'הערט אין קאפ, איז עס ווי א חלום; גאנץ אפט איז עס ווייטע מושגים. ס'איז ווי א פאנטאזיע, א ידיעה רחוקה. אבער ווען מ'קוקט אויף א צדיק גמור, אן אמת'ער תלמיד חכם, איז אלעס וואס ער טוט איז לויט תורה'דיגע השקפות. וואס ער זאגט איז תורה. אפילו דער אופן ווי אזוי ער קוקט אויף זאכן איז תורה; זיינע אלע תנועות זענען תורה.

איך וועל נישט זאגן אז אין אונזער היינטיגן דור קען מען געפינען מענטשן וואס זענען ממש אזוי, אבער אויך היינט זענען דא גענוג צדיקים וואס דורך פארברענגען אביסל צייט מיט זיי, וועט מען זיך לערנען זאכן אויף למעשה, ענינים וואס דו וועסט קיינמאל נישט קענען לערנען פון ספרים. דו האסט עס אפשר איינמאל געהערט, האסט עס געזען אמאל אין א ספר, אבער ס'האט געהאט זייער א שוואכע השפעה אויף דיר. דאגעגן שימושה של תורה, ווען מ'לערנט תורה דורכ'ן זיין אין פארבינדונג מיט מענטשן וואס **לעבן** פאקטיש די תורה, דאס איז גענצליך אן אנדער אופן פון לערנען ווי אזוי צו לעבן א תורה'דיגע לעבן. עס איז פיל ווירקזאמער. דערפאר איז שימושה, באדינען צדיקים און לערנען תורה דורך באטראכטן זייערע מעשים, גדול מלימודה, גרעסער ווי לערנען פון ספרים.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת אדער ווען איר נויטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**

צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 845-213-7571
פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802